ב"ה

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## פרשת יתרו

### יתרו (א)

אויפ'ן פסוק "וישמע יתרו" פרעגט רש"י: מה שמועה שמע ובא? קריעת ים סוף ומלחמת עמלק.

דארף מען פארשטיין:

וואס איז שווער "מה שמועה שמע ובא", עס שטייט דאך בפירוש אין פסוק "וישמע יתרו..את כל אשר עשה אלקים למשה ולישראל עמו כי הוציא ה' את ישראל ממצרים"?

דער ענטפער איז:

יתרו איז געווען כהן מדין. ער האט זיך מגייר געווען און איז געווארן א איד. אבער ניט נאר האט יתרו אוועקגעווארפן זיינע עבודה זרה'ס, נאר ער האט אוועקגעגעבן דעם גאנצן כבוד פון זיין דער כהן פון מדין. ער האט אוועקגעגעבן די באקוועמליכקייטן פון זיין אין א שיינע באזעצטע מדינה און איז אוועקגעגאנגען אין א מדבר צו זיין מיט די אידן.

די תורה זאגט נאר דעם טעם פארוואס יתרו האט זיך מגייר געווען און איז געווארן א איד. ווייל ער האט געהערט די ניסים וואס דער אויבערשטער האט געטאן מיט די אידן, און אז ער האט זיי ארויסגענומען פון מצרים.

רש"י פרעגט אבער: מה שמועה *שמע ובא*? פארוואס איז יתרו *געקומען*? ער האט זיך געקענט מגייר זיין אין מדין, און בלייבן דארטן לעבן בכבוד און באקוועם. פארוואס האט ער געדארפט קומען אין א מדבר?

אויף דעם ענטפערט רש"י, ווייל ער האט געהערט וועגן קריעת ים סוף. דער ים האט אינגאנצן געביטן זיין נאטור. די וואסער איז געווארן טרוקעניש. ביי מלחמת עמלק האט יתרו געהערט אז די קאלטקייט פון עמלק איז באזיגט געווארן. האט יתרו פארשטאנען אז ער דארף אפלאזן זיינע באקוועמליכקייטן און כבוד, איבערקערן זיך אינגאנצן, אוועקווארפן זיין קאלטקייט און אוועקגיין אין מדבר.

(לקו"ש חט"ז ע' 192)

### יתרו (ב)

אויפ'ן פסוק "אנכי ה' אלקיך" שטייט אין מדרש: "אנכי לשון מצרי". אז דאס ווארט "אנכי" איז גענומען געווארן פון דער מצרישער שפראך.

דארף מען פארשטיין:

די עשרת הדברות זיינען "כללות כל התורה". דערפאר זיינען די עשרת הדברות כולל אלע מצוות. אין די אזהרות לר' סעדי' גאון באווייזט ער ווי אלע תרי"ג מצוות זיינען מרומז אין די עשרת הדברות. נאך א רמז: אין די עשרת הדברות זיינען פאראן תר"ך - 620 - אותיות אנטקעגן תרי"ג מצות דאורייתא און זיבן מצוות דרבנן.

אין די עשרת הדברות גופא, זיינען די ערשטע צוויי דברות נאך מער כללות'דיק. "אנכי" איז כולל אלע מצוות עשה און "לא יהי' לך" איז כולל אלע מצוות לא תעשה. וואס דערפאר האבן זיי די באזונדערע מעלה, וואס "אנכי ולא יהי' לך מפי הגבורה שמענום" (אנכי און לא יהי' לך האבן מיר געהערט פון דעם אויבערשטן אליין).

אין דעם ערשטן דיבור גופא, איז "אנכי" כולל די גאנצע תורה.

איז ווי קומט עס אז דאס ווארט "אנכי" איז גאר א לשון מצרי. אלע אנדערע ווערטער זיינען אין לשון הקודש, און *דער* ווארט איז אין לשון מצרי?!

דער ענטפער איז:

באלד אין דעם ערשטן ווארט וואס דער אויבערשטער האט געזאגט ביי מתן תורה, האט ער מרמז געווען די כוונה פון מתן תורה. דער תכלית פון מתן תורה איז: א איד זאל זיך פירן מיט קדושה, ניט בלויז אין ענינים פון "לשון קודש", נאר אויך אין ענינים פון די זיבעציק שפראכן.

עס שטייט "בכל דרכיך דעהו" (אז אין אלע דיינע וועגן זאלסטו עם וויסן): עס איז ווייניק דער קיום פון מצוות דאורייתא ודרבנן, חומרות און הידורים. עס פאדערט זיך אז אין "דרכיך" (*דיינע* וועגן), עניני הרשות פון וועלט, זאל אויך דארט זיין "דעהו", מען זאל אויך דארטן וויסן דעם אויבערשטן און פירן זיך ווי ער וויל.

(לקו"ש ח"ג ע' 892)

## יתרו (ג)

אין דער פרשה לייענען מיר די עשרת הדברות. די עשרת הדברות פאראיינציקן אין זיך צוויי העכסט-פארשידענע סארט מצוות. די ערשטע דברות, אנכי, ולא יהי' לך (און אזוי ווייטער) דריקן אויס די טיפסטע ענינים אין אמונה בה'. די אנדערע דברות אבער, אנטהאלטן אזעלכע פשוט'ע ציוויים ווי "לא תרצח" (זאלסט ניט הארגענען) און "לא תגנוב" (זאלסט ניט גנב'ענען), וואס זיינען זעלבסטפארשטענדליך פארן מענטשליכן שכל.

דאס וואס דער אויבערשטער האט זיי צוזאמענגעשטעלט אין די עשרת הדברות לערנט אונז: "אנכי" און "לא יהי' לך" לערנען אונז ווי צו מקיים זיין "לא תרצח" און "לא תגנוב". אויך די מצוות וועלכע זיינען זעלבסטפארשטענדליך דארף מען זיי מקיים זיין, ניט בלויז ווייל דער שכל פארשטייט אזוי, נאר ווייל זיי זיינען אנגעזאגט געווארן פון "אנכי הוי' אלקיך".

אויב מען זאל אפטיילן דעם "לא תרצח" און "לא תגנב" פון דעם "אנכי", איז צוליב אהבת עצמו קען מען זיי אזוי צודרייען, ביז אן עבירה ווערט אויסגעטייטשט פאר א "מצוה" ! און זיכער קען מען זיך ניט אויסהיטן פון: "לא תרצח" אין אן איידעלערן אופן, ווי "המלבין פני חבירו ברבים כאילו שופך דמים" (דער וואס פארשעמט זיין חבר ברבים, איז אזוי ווי ער האט פארגאסן זיין בלוט) אדער "לא תגנוב" אין אן איידעלערן אופן, ווי "גניבת דעת" אפנארן אימיצן.

"על כל פשעים תכסה אהבה" (אויף אלע זינד פארשטעלט די אייגענע ליבשאפט וואס א מענטש האט זיך אליין זייער ליב). בשעת א מענטש לייגט צו א פינגער צו זיינע אויגען,

וועט דער קליינער פינגער - צוליב דעם וואס ער איז נאענט צו עם - פארשטעלן די גאנצע וועלט וואס ארום עם. אזוי איז מצד דעם וואס "אדם קרוב אצל עצמו" (א מענטש איז נאענט צו זיך אליין), קען זיין אהבת עצמו פארדעקן אויף אלץ.

אפילו ווען עס וואלט געווען מעגליך צו מקיים די מצוות צוליב מענטשליכן פארשטאנד, איז אבער די אויפגאבע פון א אידן צו פילן דעם "אנכי" אין יעדער זאך וואס ער טוט. אויך די גוטע מעשים וועלכע זיינען פארשטאנדיק, דארפן זיין דורכגעדרונגען מיט געטליכקייט.
(לקו"ש ח"ג ע' 889)

---

[Back to "Leben Mit Der Tzeit"]